# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## שמיני

## יוֹם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

### הַמְלָצַת זְכוּת פאר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים

**די** מִשְׁנָה [ברכות י:] ברענגט א מַחְלוֹקֶת צווישן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר מִיט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ ווען ס'איז דער סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית, רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זאגט ביז צוּם נֵץ הַחַמָּה, רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זאגט ביז נָאךְ דריי שָׁעָה פון טאג, ווייל דער סֵדֶר פון די מְלָכִים איז אז זיי שלאפן ביז דריי שָׁעָה.

**פרעגט** דער רשב"א, לויט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר וואס לערנט אז דער סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית איז נאר ביז צוּם נֵץ הַחַמָּה, אויב אזוי די בְּנֵי מְלָכִים וואס שטייען אויף פון זייער שלאף בַּיי סוֹף דריי שָׁעָה פון טאג, זענען זיי דען קיינמאהל נישט יוֹצֵא די מִצְוָה פון לייענען קְרִיאַת שְׁמַע אין צַייט.

**מען** קען זאגן אז רַבִּי אֱלִיעֶזֶר איז אויך מוֹדֶה פאר די בְּנֵי מְלָכִים אַליין וויבאלד זיי שטייען קיינמאהל נישט אויף פאר די סוֹף פון דריי שָׁעָה פון טאג איז פאר זיי די צייט פון לייענען קְרִיאַת שְׁמַע ווען זיי זענען געוואוינט אויפצושטיין. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר קריגט נאר פאר די אַנְדֶערֶע מענטשן וואס שטייען אויף פריער פון סוֹף דריי שָׁעָה אין טאג, פאר זיי איז דער סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע ביז צוּם נֵץ הַחַמָּה.

**נָאךְ** מער קען זיין, אז רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וואס האלט אז דער סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע איז נאר ביז דריי שָׁעָה פון טאג האלט אויך פון די זעלבע סְבָרָה אז דער מענטש וואס איז געוואוינט אויפצושטיין שפעט נָאךְ די דריי שָׁעָה פון טאג ווי די בְּנֵי מְלָכִים ווערט פאר אִים זיין צייט פון לייענען קְרִיאַת שְׁמַע הערשט נָאךְ זיין אויפשטיין, און נישט נאר ביז דריי שָׁעָה פון טאג.

**לויט** דעם קומט אויס א גרויסער הַמְלָצַת זְכוּת פאר די תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וואס האבן עוֹסֵק געווען אין די תּוֹרָה רוֹב שָׁעוֹת פון נאכט און שטייען אויף שפעט נאכן סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע אז זיי קענען אויך יוֹצֵא זיין די מִצְוַת עֲשֵׂה פון קְרִיאַת שְׁמַע אין די צייט פון זייער אויף שטיין, אֲפִילוּ עס איז שוין נאכן סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע.

**חדשים גם ישנים ברכות ט: ד"ה ועיין בתו"ת,**

**דער** רמ"א ברענגט [או"ח סי' רפ"א] פון מָרְדְּכַי אז שַׁבָּת קומט מען שפעטער אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ ווי אינדערוואכן, ווייל אויף א וואכן טאג שטייט אין פָּסוּק בַּיים קָרְבָּן תָּמִיד אז מען זאל דאס מַקְרִיב זיין בַּבֹּקֶר, אבער בַּיי שַׁבָּת שטייט אין פָּסוּק וּבַיּוֹם וואס איז מַשְׁמַע שפעטער.

**שטייט** דער טַעַם אין מָגֵן אַבְרָהָם אין נָאמֶען פון בַּיִת חָדָשׁ אז צוליב שֵׁנָה בְּשַׁבָּת תַּעֲנוּג האבן די כֹּהֲנִים אנגעהויבן צוּ טוהן די עֲבוֹדָה בַּיי דעם נֵץ הַחַמָּה, אנדערש פון א גאנצע נָאךְ ווען זיי האבן געטאן די עֲבוֹדָה שוין פון פריער, בַּיים עֲלוֹת הַשַּׁחַר.

**לויט** דעם קומט אויס אז אויב מִיר זאלן רעכענען די שָׁעוֹת פון ווען מען שטייט אויף שַׁבָּת פון שלאף וועט אויסקומען אז ס'איז דָא מער שָׁעוֹת ווי די וואכן טעג, ווייל לויט די צייט פון אויפשטיין רעכנט מען דעם זְמַן, אֲפִילוּ נאר פון דעם מִיעוּט מענטשן וואס שטייען אויף שפעט, ווי מִיר זעען אז די מִשְׁנָה קוקט ווען די מְלָכִים שטייען אויף, כאטש זיי זענען דאך גאר א קליינער מִיעוּט, איז דאס געוויס אז שַׁבָּת ווען רוֹב מענטשן שטייען אויף שפעטער מעג מען רעכענען די דריי שָׁעָה פון ווען רוֹב מענטשן שטייען אויף.

**דעריבער** האבן מִיר א לִימּוּד זְכוּת פאר רוֹב קליינע און גְרוֹיסֶע קְהִלּוֹת אז זיי זענען נישט עוֹבֵר דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע.

**שו"ת בית ישראל או"ח סי' ט"ז [דומ"ץ אוהעל בזמן הישמח משה] שו"ת שלמת חיים**

# יום שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

## חֲשִׁיבוּת לערנען שַׁבָּת פארטאגס

**דער** זַיִת רַעֲנָן [פירוש ילקוט תהלים קל"ט] ברענגט א פְּסִיקְתָּא אויפ'ן פָּסוּק יָמִים יֻצָּרוּ וְלֹא [וְלוֹ] אֶחָד בָּהֶם רַבִּי לֵוִי זאגט אז דאס מיינט דעם טאג פון שַׁבָּת, [הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט באשאפן טעג, און ער האָט אויסגעוועהלט אֵיין טאג פאר זיך, דעם שַׁבָּת] ווי עס שטייט אין פָּסוּק זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, דערפאר זאלט איר דעם שַׁבָּת מאכן דעם טאג בלויז פאר לערנען תּוֹרָה פאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ'ס וועגן. פון דָא לערנען מִיר אז שַׁבָּת אינדערפרי זאל דער מענטש זיך פעדערן און אויף-שטיין פארטאגס און גֵיין אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ כְּדֵי ער זאל לערנען תּוֹרָה, אזוי וועט דער גאנצער טאג זיין געאייגנט פאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

**דער** כְּתַב סוֹפֵר זַצַ"ל האָט זיך שְׁטֶענְדִיג געפירט אז יעדן שַׁבָּת איז ער אויף-געשטאנען דריי אזייגער פארטאגס, און האָט אנגעהויבן צוּ זאגן בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה מִיט א שטארקע הִתְלַהֲבוּת ווען טרערן האבן זיך געגאסן פון זיינע אויגן פון גרויס שִׂמְחָה און פרייד. די שְׁטוּבּ מענטשן וואס זענען געשלאפן אין דריטן שְׁטוּבּ פון ווי ער האָט געזאגט בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה האבן זיך דערפון אויפגעוועקט און זיי האבן מיטגעוויינט פון דעם גרויסן הִתְעוֹרְרוּת וואס איז דעמאלס געווען אין שְׁטוּבּ.

**דערנאך** האָט דער כְּתַב סוֹפֵר זַצַ"ל גֶערוּפְן צְוֵויי בַּחוּרִים פון זיין יְשִׁיבָה ווי אויך איינע פון זיינע זוהן, ער האָט זיי מְכַבֵּד געווען מִיט א הייסע גלעזל קאַווע, דערנאך האָט ער מִיט זיי געלערנט עטליכע שָׁעוֹת מִשְׁנָיוֹת און גְּמָרָא פון מַסֶּכֶת שַׁבָּת און מַסֶּכֶת עֵרוּבִין אויף דעם סֵדֶר הַגְּמָרָא מִיט גרויס פרייד און שִׂמְחָה, ער פלעגט זיי דעמאלס שְׁטֶענְדִיג זאגן: דעם גרויסן תַּעֲנוּג וואס מִיר האבן פון דעם אויפשטיין שַׁבָּת פארטאגס און טרונקן א הייסע קאווע, און דערנאך לערנען מִיט א קלארע קאפ אויף עטליכע שָׁעָה פאַרן דאווענען שַׁחֲרִית, דעם זיסן טַעַם ווייסן אינגאנצן נישט די פּוֹשְׁעִים, ווייל אַלֶע זייערע תַּאֲוֹת פון א גאנצע נָאךְ צוזאמען קומט נישט צוּ די גְרוֹיסֶע פארגעניגן וואס מען שפירט ווען מען לערנט שַׁבָּת פאַרן דאווענען עטליכע שָׁעָה. **כתב סופר עה"ת בהקדמה אהל לאה**

## לערנען פאַרן דאווענען

**ווינטער** ווען פרייטאג צו נאכטס איז זייער לאנג, זאל דער מענטש זיין שטארק געווארנט צוּ לערנען שַׁבָּת פארטאגס ביי די שַׁבָּת ליכט וואס מען האָט אנגעצינדן לִכְבוֹד שַׁבָּת, אדער זאל ער זאגן תְּהִלִּים. **יסוד ושורש העֲבוֹדָה שער הח' פ"ו**

**דער** מִנְהָג אין אַשְׁכְּנַז איז געווען אז א גוֹי פלעגט אנצינדן אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ די ליכט שַׁבָּת פארטאגס כְּדֵי מען זאל קענען לערנען אדער זאגן תְּהִלִּים אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ פאַרן דאווענען בַּיי די ליכטיגקייט. **שו"ת השיב משה או"ח סי' י'**

## לערנען גְּמָרָא פאַרן דאווענען

**איך** האב געהערט נָאךְ-זאגן אין נָאמֶען פון א הייליגן אִיד, וואס האָט געזאגט אז דער וואס לערנט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אינדערפרי פאַרן דאווענען א בלאט גְּמָרָא, דער וועט זוֹכֶה זיין צוּ שפירן א טַעַם ווען ער וועט זאגן נִשְׁמַת און ער וועט דאס זאגן מִיט א העכערקייט. **באר מנחם פ' אחרי**

**הָרַב** הַקָּדוֹשׁ **רַבִּי אַהֲרֹן מקארלין זי"ע** האָט געזאגט אז לערנען א בלאט גְּמָרָא אינדערוואכן פאַרן דאווענען איז א בְּחִינָה פון גַּן-עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן, אבער דאס לערנען שַׁבָּת אינדערפרי פאר דאווענען איז א בְּחִינָה פון גַּן-עֵדֶן הָעֶלְיוֹן. ער פלעגט זאגן מִיט דעם לָשׁוֹן: ווען איר וואלט געלערנט א בלאַט גְּמָרָא בְּעִיּוּן שַׁבָּת פאַרן דאווענען, וואלט דער נִשְׁמַת אַן אנדער פָּנִים געהאט. **בית אהרן דף קמ"ד. בד"ה עוד אמר**

**דער** מִנְהָג אין זידיטשוב איז געווען אז יעדן טאג האָט מען געלערנט פאַרן דאווענען לויט דעם סֵדֶר: מִשְׁנָיוֹת, זוֹהַר, גְּמָרָא. א סִימָן דערויף, אַל יֶחְסַר הַמָּזֶג [שיר השירים ז'], שַׁבָּת איז געווען דער מִנְהָג אז מען האָט בִּכְלָל נישט געלערנט קֵיין מִשְׁנָיוֹת, איז דער סִימָן געווען: מ'דְרַשׁ, ז'וֹהַר, גְּ'מָרָא. **רב חיל**

**הָרַב** הַקָּדוֹשׁ רַבִּי יִשָּׂשכָר דּוֹב מִבֶּעלְזָא זי"ע האָט אמאהל געזאגט פאר הגה"ק רַבִּי אֶלְעָזָר טעווערסקי אַדְמוֹ"ר מפאלטישאן זַצַ"ל: פאר דִּיר זאג איך אז שַׁבָּת אינדערפרי פאַרן דאווענען איז א צייט וואס מען דארף לערנען גְּמָרָא מִיט תּוֹס', נאר די אידן וואס האבן שוין אנגענומען דעם מִנְהָג פון אויסזאגן גאנץ תְּהִלִּים שַׁבָּת פאַרן דאווענען, זיי זאלן נישט מְשַׁנֶּה זיין פון זייער מִנְהָג. **פקודת אלעזר**